# מיין פראבלעם מיט חרדים

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך גערעדט מיט מיין טאטן און בתוך הדברים האט ער מיך געפרעגט ווען איך "קום צוריק" (צום חרד'ישן געטאו), די ערשטע זאך האב איך זעלבסטפארשטענדליך ציניש צוריקגעשאסן "אויף וואס זאל איך צוריקקומען, זיך צו קענען ווייקן אין סאטמארע מקווה?", אבער למעשה האט עס מיר געמאכט אביסל טראכטן.

דאס הייסט אזוי, אין אנפאנג האט עס געהייסן אז איך זוך פשוט צו אנטלויפן פון די ניו יארקע קאוויד תפיסה, און באמת ווען ס'האט אנגעפאנגען גרינגער צו ווערן האב איך ערנסט געהאט געפלאנט זיך צוריקצוציען, כ'בין געפלויגן אין געטאו אריין פאר א צוויי דריי וואכן זוכן א פלאץ וואו אראפצושטעלן דאס געזינדל אבער נאכ'ן לעבן אינעם לעכטיגקייט אזוי לאנג האב איך פשוט נישט געקענט אויסהאלטן דאס חשכות און פארקריפלטקייט פון די נשמות דארט, כ'האב געמאכט א גרויסן בואי בשלום און אנטלאפן פון דארט כל עוד נשמתי באפי.

באמת האב איך שוין אפאר מאל געטראכט פון גיין באזוכן מיין משפחה, כאטש פאר א פאר טעג, אבער ווי לענגער איך בין אוועקגעווען אלץ ווייניגער און ווייניגער האב איך בכלל געהאט א שפראך מיט זיי. ווייסט, אמאל ווען איך פלעג רעדן מיט מיינע עלטערן צו ברידער אויפ'ן טעלעפאון האב איך נאך פארשטאנען וואס זיי רעדן, צומאל פלעגט מען זיך אויך טענה'ן אויף הויכע טענער, ס'איז אבער געקומען צו א מצב וואס איך פארשטיי בכלל נישט וואס זיי זאגן, מ'טענה'ט זיך שוין אפילו נישט, איך זאג מיך דאס מייניגער, זיי זאגן זיך דאס זייעריגע, און קיינער פארשטייט נישט וואס דער אנדערער רעדט...

למעשה האב איך דעמאלטס יא געזאגט פאר מיין טאטן געוויסע זאכן וואס חסידים טוען וואס שטערט מיר זייער (ספוילער אלערט: ס'נישט די מאנגל אין לימודי חול), און מיין טאטע האט מודה געווען אז ס'איז טאקע א פראבלעם, אבער, מ'קען זיך נישט שלאגן מיט די סיסטעם וכו', האב איך איהם געזאגט אז טאקע דערפאר האב איך אפגעלאזט די "סיסטעם" און געגאנגען צו א פלאץ וואו איך דארף מיך נישט שלאגן מיט קיינעם... אבער דו, האב איך פארגעזעצט, דו האלטסט דאך אויך אז ס'איז א קראנקהייט פון א פלאץ, פארוואס ביזטו נאך דארט? וויאזוי קענסטו לעבן אין א פלאץ וואו ס'דא זאכן וואס זענען וויכטיגער פון בעיסיק מענטשליכע געפילן? יא, ס'דא היינט אסאך טיכל טוסדעיס' וואס שערן זיך נישט די האר, אבער דאס איז נאר ווייל מ'האט געטראפן א היתר, ווען ס'זאל ווען שטיין קלאר אין שולחן ערוך "אסור לנשים נשואות שיהיה להן אפילו שער אחד בראש" וואלט קיינער זיך נישט געוואגט עס צו טשעלענדשען, וויאזוי קען מען לעבן אזא מין לעבן? נישט עולם הזה האט מען, נישט עולם הבא, אויף וואס ארויף? (למעשה האט מיך מיין טאטע דאן געזאגט אז "אויב רעדסטו שוין אזוי מיין איך איז בעסער אז דו בלייבסט טאקע דארט... ענדיוועיס...)

און קומטס מיר נישט זאגן אז דאס איז נישט די "עכטע" אידישקייט, ווייל א) ס'מאכט באמת נישט אויס צו ס'איז עכט צו פאלש אבער דאס איז די טרוקענע מציאות. און ב) במחילת כבודכם איז דיעס געדאנקענגאנג דייקא יא אן אינטעגראלע טייל פון אידישקייט, און כ'וועל ענק ברענגען א ראיה וואס עטץ קענטס נישט אפפרעגן. איך מיין חס ושלום חס ושלום נישט צו האקן אבער די אמת מוז געזאגט ווערן, ס'שטייט אין בראשית ה, כד: וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ אֶת הָאֱלֹקִים וְאֵינֶנּוּ כִּי לָקַח אֹתוֹ אֱלֹקִים, זאגט רש"י: צדיק היה וקל בדעתו לשוב להרשיע לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו והמיתו קודם זמנו. ווייז דאס פאר סיי וועלכער מענטש וואס וואוינט צווישן קאסוב און קיטוב, מנער ועד זקן טף ונשים, יעדער וועט דיר זאגן מיט א פשטות אז אזוי קומט עס. אוודאי אזוי, די ערקתא דמסאנא איז קינג! א קינד איז מאלעסטעד געווארן? א געפערליכע פראבלעם, אבער צוערשט דארף מען דעם תולי מאסטער אנידערלייגן, דערנאך וועט מען זיך נעמען צו די secondary אישוס. אוודאי אזוי, גדול המחטיאו יותר מן ההורגו! פרויען מוטשען זיך מיט postpartum וויזויהייסטעס? מהיכי תיתי. יא, אוודאי איז עס א פראבלעם אבער געוואלד, וואס איז די אלטערנאטיוו? ב"ק?! דארף מען צאמזעצן אלע חכמי העלם און צוקומען צו א מסקנא אז אין בית דין מבטל אלא אם כן גדול הימנו בחכמה ובמנין וואטעווער, ביזטו פון קאפ געפאלן? דאס איז די פראבלעם פונעם דור? וואו זענען דיינע פרייאריטיס רח"ל? וואט די עקטשועל העק?

לאמיך נאר געבן איין פערזענליכעביישפיל. געווען איז עס ווען איך בין געווען א בחור אין ישיבת מיר, און פארשטייט זיך אז איך בין געווען פון די קליקע ערנסטע הייליגע בחורים, איז איינמאל בין הזמנים האט מען געזוכט עפעס מיט וואס זיך צו דערפרישן, קיין אילת קען מען דאך נישט גיין ווייל מיר זענען דאך ערנסטע בחורים, איז מען אויפגעקומען מיט א וואזשנעם איינפאל אז מ'קען קויפן א טענט און גיין קעמפינג כ'ווייס נישט וואו. בקיצור, איז מען געזעצן איין טאג און אויסגערעכנט פונקטליך וואו מ'גייט דאווענען מיט מנין, וואו מ'גייט טרעפן עסן מיט א הכשר פון די עדה, וכו' וכו'. איין פראבלעם איז נאר געווען, וואס וועט זיין מיט נעגל וואסער, בקיצור, מ'האט זיך בשום אופן נישט געקענט אן עצה געבן... אני הקטן האב זיך ארומגעדרייט פאר'דאגה'ט אפאר שעה צו טרעפן עפעס א פאטענט אבער ס'נישט געגאנגען, מיטאמאל גיב איך מיר א כאפ, משוגע בין איך? פאר נעגל וואסער? פאר דעם גיי איך אנוואוירן מיין גאנצע געפלאנטע פאן? זענען מיינע פרייאריטיס אזוי פארקריפלט? יא, ר' זושא האט פארלוירן זיינע מדרגות ווייל ער האט אמאל בטעות אראפגעטרויטן פון בעט אן נעגל וואסער, אבער איך יואלי, האב איך דען נישט אויך אמאל בטעות אראפגעטרויטן פון בעט אן נעגל וואסער און גארנישט איז נישט געשעהן? הכלל, כ'האב ביי מיר באשלאסן אז די קעמפינג איז מיר וויכטיגער ווי דאס פאנטאזירן אז איך בין אין ר' זושא'ס מדריגות און אפגעמאכט פטור צו ווערן פון די נעגל וואסער פחד איינמאל פאר אלעמאל, כ'האב גענומען די טענט, געגאנגען קעמפינג, נישט געוואשן קיין נעגל וואסער, און מער קיינמאל נישט צוריקגעקוקט. (וויאזוי איך בין פטור געווארן פון די פחד פון "הארבערע" זאכן דארף איך נישט ארויסשרייבן, עטץ קענטס זיך אליינס פארשטעלן, אבער ס'איז אלץ געגאנגען אויף אן ענליכן אופן. כ'האב געהאט א פחד, כ'האב גוט אריינגענומען אין קאפ וואס איך פארליר אלץ בזכות דעם פחד, כ'האב מקיים געווען די משנה הוי מחשב שכר עבירה כנגד הפסדה... און כ'האב מקיים געווען דעם מוח שליט על הלב און זיך גענומען אין די הענט אריין. יעצט אויב א ישיבה בחור האט די ביצים זיך צו נעמען אין די הענט אריין וואסערע תביעה איז עס אויף מיטליעריגע אידן?)

א מאדערן ארטאדאקסישע פרוי האט מיר אמאל געזאגט מיט גרויס שוידער אז א חסידישע פרוי האט איר געזאגט אז זי וואלט ענדערש געוואלט אז איר קינד זאל שטארבן ווי איידער ער זאל גיין OTD, זאגט מיר די מאדערנע פרוי אז זי קען עס פשוט נישט פארשטיין, וואו איז די בעיסיק מוטערליכע געפילן? וואספארא מין גערעדאכץ איז דאס? וויאזוי קען א מאמע אפילו אזוי רעדן? נעבעך, זי האט זיך אזוי געגעסן די געזונט... כ'האב איר פרובירט מסביר צו זיין אז חסידים גלייבן באמת אין גיהנם וכו' האט זי אביסל אנגעפאנגען צו פארשטיין אבער זי האט נאכאלץ נישט געקענט צו זיך קומען. כ'האב מיך איינגעהאלטן פון איר זאגן אז דיעס גדאנקענגאנג איז א בפירוש'ע רש"י ווייל כ'האב איר נישט געוואלט צומישן...

מיר אלע ווייסן אז ס'דא א הלכה אז פיקוח נפש איז דוחה די גאנצע תורה (אויסער דארט וואו ס'נישט דוחה... עפעס א ביינדל דארף מען דאך צוואווארפן פאר'ן יצר פון מזוכיזם אויך...), כאילו ווען נישט וואס ס'שטייט אזא הלכה און דו גייסט שבת אין גאס און דו זעהסט דיין קינד שטיין אינמיטן גאס און א קאר קומט צופליען וואלסטו איהם טעארעטיש גערעדט געדארפט צו לאזן שטארבן ווי איידער איהם טראגן ד' אמות אין רשות הרבים. אינטערעסאנט אז אין די אמעריקאנע געזעץ איז קיינעם נישט איינגעפאלן אריינצולייגן אזא clause, און וואונדער איבער וואונדער, יעדער אמעריקאנער מיט אן IQ העכער פופציג פארשטייט אליינס אז אויב דארף ער קראסן א רויט לייט צו ראטעווען א קינד פון אן אנלויפענדע קאר וועט איהם די געזעץ מוזן מוחל זיין. יא, די מאדערנע אידן קוקן טאקע אן די ענין פון פיקוח נפש ווי דאס שטייט טאקע, אז במקום פיקוח נפש זאל מען איגנארירן הלכה, כאילו ס'איז אינדרויסן פונעם הלכה'דיגן פרעימווארק, אינעם פרייאריטיס ליסטע שטייט א מענטשליך לעבן העכער הלכה.. ד.ה. אז באמת וואלט עס טאקע נישט געדארפט צו שטיין, און אין די תורה אליינס שטייט עס טאקע נישט, נאר במשך הזמן האט עס געמאכט זיין וועג אינעם טעקסט אריין, אבער ווען ס'וואלט נישט געשטאנען וואלטן זיי עס אליינס געזאגט, און זיי זאגן עס טאקע אפילו אין פלעצער וואו ס'שטייט נישט... דער חזון איש - פון די טאטעס פון די חרדישע באוועגונג אינעם פאוסט-האלאקאסט עפאכע - האט טאקע זאגאר געזאגט אז די "פראבלעם" מיט די מאדערנע (מזרוחניקים) איז אז זיי לערנען דרך ארץ און מדות פונעם אייגענעם פארשטאנד.

חרדים עפעס האבן נישט די ביצים זיך אנצונעמען פאר זייערע מענטשליכע באדערפענישן, ממש ווי אברהם אבינו, גאט האט איהם געהייסן שחט'ן זיין זוהן איז ער גלייך געלאפן שחט'ן אן קיין קשיות. זיי קענען נישט נעמען אביסל גאטס ווי משה רבינו, גאט האט איהם געהייסן גיין אויסלייזן די אידן האט ער געזאגט "ר' איד! כ'האב אן עלטערע ברודער וואס גייט זיך באליידיגן אז דו האסט איהם נישט געשיקט, אפשר שיקסטו איהם?" גאט האט איהם געזאגט אז ער וויל אויס'הרג'נען אלע אידן ווייל זיי האבן געדינט עפעס א גאלדענעם קאלב האט ער גענומען די דרייסטקייט און איהם אנגעשריגן "ביזטו פון קאפ געפאלן?! ס'וועט דיר גארנישט שאדן אז דו וועסט לאזן לעבן במנוחה אביסל!". ביי חרדים דארף ער ניטאמאל הייסן גאט, ער הייסט ר' יוסף קארו באקומט ער שוין א get out of jail free card און אין אחר דבריו כלום אויסער אויב א צווייטער ברענד נעים קריגט זיך אויף איהם, און וואו זענען די רויע מענטשליכע געפילן אין די גאנצע געים? דאס הארץ פון בלוט און פלייש וואס פאמפט און רוישט אן אויפהער? גארנישט. ווער דארף א הארץ בכלל? א מעכאנישע פאמפ וואלט פונקט גוט געוועהזן... מיר וועלן אלע זיין "גערעכטע" ראובאטס וואס טוען נאר וואס איז "ריכטיג" און "אויסגעהאלטן" און משיח וועט קענען ווייזן מיט'ן פינגער "ישראל אשר בך אתפאר!", וואס דארף מען מער פון דעם? אה כ'האב פארגעסן, מ'דארף דאך האבן א הארץ ווייל די תפילין של יד דארף דאך זיין נעבן הארץ ... שוין, האסט מיר געכאפט בייםווארט. וויסטו וואס? ביזט גערעכט. אבער אך און וויי פאר אזא גערעכטיגקייט... ווי ראפשיצער רב האט געזאגט, אויב איך קום ארויף אין הימל נאכ'ן 120 און איך זעה א נאר זיצן אויפ'ן העכסטן פלאץ אין גן עדן וועל איך צוגיין צו איהם און איהם זאגן: "א נאר ביזטו געוועהן ביים לעבן און א נאר ביזטו געבליבן נאכ'ן שטארבן אויך, און איך בין דיר נישט מקנא אפילו מיט דיין העכסטע פלאץ אין גן עדן!"

יא, אוודאי איז אין די לעצטערע יארן בעסער געווארן אין אסאך הינזיכטן (הגם אין אנדערע הינזיכטן איז די מצב הדור געפאלן פי כמה לדוגמא די טרארר פון די מוסדות), אבער ווי געזאגט, ווען מ'טוט שוין יא עפעס איז מען נאר מטפל אין די ענפים, די שורש פורה ראש ולענה, די מיינדסעט פונעם חזון איש און רש"י, איז נאך טיעף טיעף איינגעבאקן אינעם סאבקאנשעס פון די קאלעקטיוו. און ס'נישט נאר די מעשים, און נאכאמאל, כ'מיין קיינעם נישט ווי צו טוהן, אבער די גאנצע לופט טראגט א געוויסע ענערדשי וואס שמעקט פון סאדיזם, מזוכיזם און סתם stuckness, בשעת איך האב מיך געווייקט דערין האב איך נישט געפילט די גיפט דערפון (נאכאמאל, איך בעט איבער ווער ס'פילט זיך געטראפן) אבער היינט שטערט מיר עס געפערליכך. סתם פאר די אנאלידשי, כ'האב אמאל באזוכט ביי א קאזין מיינער, איך קום אריין אין זיין דירה און איך ווער אנטפאנגען מיט א שמעק פון שימל, אין די גאנצע עקסייטמענט און הו-הא פון די מופן האט ער נישט צופיל צוגעלייגט קאפ (נאז?) צום שמעק און ביז ער האט זיך געסעטלט דארט איז ער שוין געוועהן צוגעוואוינט צום שמעק אזש ער האט געמיינט אז איך טרייב לצנות פון איהם... פארשטייט עטץ? אז נישט איז אויך נישט געפערליך, די עיקר איז אז איך אליין פארשטיי...